**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט 33 מיליאן דאלער אין פעדעראלע האוזינג און אינפראסטרוקטור גרענטס

***54 אויסטיילונגען צו מוניציפאליטעטן לענגאויס ניו יארק וועלן פינאנצירן אפגרעידס צו האוזינג און פובליק וואסער איינריכטונגען פאר הויפטזעכליך נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע איינוואוינער***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז איבער 33 מיליאן דאלער אין קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט פינאנצירונג איז געשאנקען געווארן צו צענדליגע מוניציפאליטעטן פאר ארטיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונג און האוזינג רעהאביליטירונג פראיעקטן. די גרענטס זענען געאייגנט צו העלפן קאמיוניטיס צושטעלן ארנטליכע און צוגענגליכע האָוזינג און זיכערע וואוינונגס אומשטענדן הויפטזעכליך פאר נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע איינוואוינער.

״דורך שטיצן פארבעסערונגען צו בויען צוגענגליכע האוזינג, פארבעסערן פובליק וואסער איינריכטונגען און פארשטערקערן ארטיגע אינפראסטרוקטור, וועלן די געלטער לייגן דעם יסוד פאר שטערקערע, מער שטאנדהאפטיגע געגנטער לענגאויס ניו יארק,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די קריטישע אינוועסטירונגען אין אונזער פובליק אינפראסטרוקטור וועלן העלפן פארזארגן זיכערע, סטאבילע האוזינג און צוגענגליכע באקוועמליכקייטן פאר ניו יארקער און גלייכצייטיג ערמעגליכן פאר ביזנעסער צו וואקסן און בליען, און איך דאנק דער ניו יארקער קאנגרעסיאנעלער דעלעגאציע פאר׳ן שאפן די נייטיגע פינאנצירונג פאר אונזער סטעיט.״

דער ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ פראגראם איז א פעדעראל-פינאנצירטן פראגראם אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ וואס העלפט קאונטיס, שטעט, טאונס און ווילעדזשעס מיט פראיעקטן וועלכע פארבעסערן קאמיוניטיס און זענען א טובה פאר זייערע איינוואוינער.

׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ האוזינג גרענטס קענען געניצט ווערן פאר האוזינג רעהאביליטירונג פון אייגנטימער-באזעצטע אדער דינגער-באזעצטע היימען, דאָון-פעימענט הילף פאר ערשטמאליגע היים קויפער מיט קליינע אדער מיטל-מעסיגע פארדינסטן, און פריוואטע וואסער / מיסט-וואסער סיסטעם הילף פאר היים אייגנטימער מיט קליינע אדער מיטל-מעסיגע פארדינסטן. פאר 2022, האט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ אויסגעטיילט 10.4 מיליאן דאלער פאר 24 האוזינג רעהאביליטירונג, מעניופעקטשורד האוזינג, און קוואל און סעפטיק פראיעקטן. א סה״כ 301 הויזגעזינדער ווערן פאראויסגעזאגט צו בענעפיטירן פון די פארגעשלאגענע פארבעסערונגען.

׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ פובליק אינפראסטרוקטור און קאמיוניטי פלאנירונג גרענטס קענען געניצט ווערן פאר פארבעסערן פובליק וואסער, פובליק סוער, שטורעם-וואסער סוער און פלייצונג אפלויף פארבעסערונגען. פאר 2022, האט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ אויסגעטיילט איבער 23

מיליאן דאלער פאר 21 פובליק וואסער, פובליק סוער און פובליק איינריכטונג פראיעקטן, און נאך 445,000 צו ניין קאמיוניטי פלאנירונג פראיעקטן.

אויסטיילונג הויכפונקטן נעמען אריין:

- דער טאון אָװ קאנסטאנטיע אין אסוועגא קאונטי ראנגלט זיך מיט א פארעלטערטע און נישט גענוג צוגעפאסטע אויפ׳ן-ארטיגע סעפּטיק סיסטעם וואס געפונט זיך נעבן אניידע לעיק. דער ניו יארק סטעיט ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ אויסטיילונג פון 1.25 מיליאן דאלער וועט העלפן פינאנצירן פארבעסערונגען צו דעם קאנסטאנטיע-בערנהאדס בעי סוער דיסטריקט, וואס וועט אריינגעמען א סטעיט-אָװ-דע-אַרט מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק.
- ליווינגסטאן קאונטי וועט ניצן 550,000 אין ניו יארק סטעיט ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ געלטער פאר׳ן ערזעצן ביז פיר עקזיסטירנדע מעניופעקטשורד שטובער וואס געפונען זיך אויף פריוואטע, גע׳דיעד׳עטע לאַטס אין עטליכע פון די ווייניגסטע-באוואוינטע ערטער אינערהאלב דער קאונטי. דער פראיעקט וועט פארזיכערן אז איינוואוינער האבן ארנטליכע, זיכערע און ריינע וואוינונגס אומשטענדן.
- די ווילעדזשעס הערקימער און פראנקפארט וועלן יעדע באזונדער ניצן 1.25 מיליאן דאלער אין ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ געלטער הילף אלס טייל פון א ראיאנישע אונטערנעמונג צו פארבעסערן טרונק-וואסער קוואליטעט אין קאמיוניטיס לענגאויס הערקימער קאונטי. די געלטער וועלן גענוצט ווערן צו אדרעסירן פראבלעמען אין יעדע קאמיוניטי׳׳ס טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור, אריינגערעכנט דאס ערזעצן פירנדע סערוויס ליניעס און צעפאלענע וואסער טראנסמיסיע מעין, דאס אינסטאלירן נייע הײדרענטס און טויערלעך, ווידער-אנטוויקלונג פון עקזיסטירנדע קוועלער, און פארבעסערונגען צו פאמפ סטאנציעס.
- די שטאט אניאנטא אין אטסעגא קאונטי וועט ניצן איבער 200,000 דאלער אין ניו יארק סטעיט ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ געלטער צו ערזעצן 30 וואסער סערוויס זייטן פאר נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע הויזגעזינדער, אריינגערעכנט 22 איינציג-פאמיליע אייגנטימער-באזיצטע פּראָפּערטיס און אכט איינס-ביז-פיר-יוניט איינקונפט פּראָפּערטיס מיט 20 יוניטס אויף א פארשפרייטע-ארטיגע באזיץ.

**׳האָומס ענד קאָמיוניטי ריניוּעל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט, ״ד**ורך אונזער 33 מיליאן דאלער אין ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ אויסטיילונגען קענען מיר העלפן איבערמאכן קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק דורך פינאנצירן פראיעקטן פריאריטיזירט דורך אונזערע צוזאמארבעטער ביים לאקאלן שטאפל. וויכטיג צו באטאנען, די העכסט-נייטיגע פארבעסערונגען וועלן דירעקט בענעפיטירן נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע ניו יארקער און אונטערהייבן אנגייענדע אויפלעבונג און שטאנדהאפטיגע באמיאונגען לענגאויס דעם סטעיט.״

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ ו ליפערן די 33 מיליאן דאלער אין פעדעראלע פינאנצירונג צו מאכן לאנג פארשפעטיגטע, עקאנאמיע-אונטערהייבנדע אינוועסטירונגען אין האוזינג און אינפראסטרוקטור פונעם קאפיטאל ראיאן ביז מערב ניו יארק. ווען איך האב פארהאנדלט די קאָוויד פארלייכטערונג לעגיסלאציע, האב איך געשאפן געהעכערטע שטיצע פאר׳ן CDBG פראגראם ווייל עס ליפערט ווירקליכע רעזולטאטן פאר אפסטעיט ניו יארק שאפנדיג גוט באצאלטע דזשאבס, ליפערנדיג נייטיגע סערוויסעס און שטיצנדיג אונזער מערסט באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג. די פעדעראלע פינאנצירונג וועט העלפן פארשנעלערן אונזער עקאנאמישע ערהוילונג און לייגן דעם יסוד פאר א ליכטיגערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער.״

**קאנגרעסמאן עדריאנא עספיילאט האט געזאגט,** ״איך לויב גאווערנער האקול אויף דער לעצטער גרופע פון ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ גרענטס וואס איך האב געהאלפן שאפן צו פארבעסערן נייטיגע אינפראסטרוקטור לענגאויס ניו יארק. אלע ניו יארקער האבן א רעכט צו ארנטליכע צוגענגליכע האוזינג און ריינע וואסער, און דער ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ פראגראם האט זיך איבערצייגט אלס א קריטיש-וויכטיגע רעסאָרס אין פארבעסערן די לעבנס פון ארבעטער-קלאס ניו יארקער דורך בויען שטערקערע, מער שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס.״

**סטעיט סענאטאר ברייען קאוואנאה האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ געווען זיך אנצושליסן מיט גאווערנער קעטי האוקול און מיינע קאלעגעס אין דער לעגיסלאטור אין דורכפירן א סטעיט בודזשעט צו מאכן ריזיגע אינוועסטירונגען אין שטובער פאר ניו יארקער און פארזארגן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור, אריינגערעכנט ווירקזאמע באשטימונג פון פעדעראלע געלטער, און איך אפלאדיר דעם גאווערנער און קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס פאר׳ן ארויסברענגען די קריטיש-וויכטיגע הילף צו ניו יארקער לענגאויס דעם סטעיט. די דאזיגע גרענטס וועלן גיין א ווייטן וועג צו העלפן נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע איינוואוינער צו קענען אנהאלטן היים-פארמאגערשאפט און מאכן נייטיגע פארריכטונגען און זיכערהייט אפגרעידס צו זייערע היימען. די אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וועלן רעזולטירן אין מער זיכערע און מער געוואונשענע וואוינונגס אומשטענדן. איך גראטוליר מוניציפאליטעטן און פובליק וואסער איינריכטונגען וועלכע זענען די באקומער פון די אויסטיילונגען און איך דאנק זיי פאר זייער אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו שאפן און אפהיטן צוגענגליכע האָוזינג געלעגנהייטן.״

__פולע ליסטע פון אויסטיילונגען__

**קאפיטאל דיסטריקט (95,500 דאלער אויסגעטיילט)**

- דער ווילעדזש פארט עדווארד אין וואשינגטאן קאונטי וועט ניצן 48,000 דאלער אין ניו יארק סטעיט ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ פינאנצירונג צו פארענדיגן אן אינזשינערונג אפשאצונג פון דעם היסטארישן פארט געגנט.
- די שטאט מעכאניקוויל אין סאראטאגע קאונטי וועט ניצן 47,500 דאלער אין ניו יארק סטעיט ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ געלטער פאר די אנטוויקלונג פון אן אינזשינערונג באריכט צו דאקומענטירן פראבלעמען מיט דער שטאט׳ס שטורעם-וואסער אינפראסטרוקטור.

**צענטראל ניו יארק (4 מיליאן דאלער אויסגעטיילט)**

- די שטאט קארטלענד אין קארטלענד קאונטי וועלן ניצן 500,000 דאלער צו ערזעצן וואסער און סוער זייטן פאר 30 איינציג-פאמיליע באזיצער-אקופירטע פראָפּערטיס און זיבן איינקונפט פראָפּערטיס מיט 16 יוניטס אויף א פארשפרייטן ארט באזיס.
- דער טאון ארוועל אין אסוועגא קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צו דעם טאון׳ס וואסער דיסטריקט.
- דער ווילעדזש ווידספארט אין קאיוגע קאונטי וועט ניצן 1 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צום ווילעדזש׳ס טרונק-וואסער סיסטעם.

**פינגער לעיקס (3.65 מיליאן דאלער אויסגעטיילט)**

- דער ווילעדזש אלביאן אין ארליענס קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צו איר וואסער באהאנדלונגס פאבריק.

- דער ווילעדזש קלייד אין וועין קאונטי וועט ניצן 50,000 דאלער צוצוגרייטן אן אינזשינערונג באריכט צו פאראויס-פירן קאנסטרוקציע פון א נייע וואסער קוואל אלס צוגאב צום ווילעדזש׳ס יעצטיגן וואסער סופליי און פארזיכערן פארלעסליכע וואסער סערוויס.
- דער ווילעדזש מעדינע אין ארליענס קאונטי וועט ניצן 50,000 דאלער אויסצופירן אן אפשאצונג איבער איר טרונק-וואסער סיסטעם.
- דער טאון ראמיולוס אין סענעקע קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צום ווילארד וואסער דיסטריקט.
- דער ווילעדזש וואָטערלו אין סענעקע קאונטי וועט ניצן 500,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר איבער 14 נידעריגע איינקונפט היים אייגנטימער.

**מיטל-הודסאן (2.7 מיליאן דאלער אויסגעטיילט)**

- דער ווילעדזש ניו פאלץ אין אולסטער קאונטי וועט ניצן איבער 860,000 דאלער פאר פארבעסערונגען צום ווילעדזש׳ס סעניטערי סוער סיסטעם.
- דער טאון אולסטער אין אולסטער קאונטי וועט ניצן 995,000 דאלער פאר פארבעסערונגען צום ספּרינג לעיק סעניטערי סוער דיסטריקט.
- דער טאון וואווארסינג אין אולסטער קאונטי וועט ניצן 874,000 דאלער פאר פארבעסערונגען צום קערהאנקסאן סוער דיסטריקט.

**מאוהאק וואלי (7.3 מיליאן דאלער אויסגעטיילט)**

- דער טאון עדמעסטאן אין אטסעגא קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צו דעם האמלעט עדמעסטאן׳ס וואסער דיסטריקט.
- דער ווילעדזש פארט פלעין אין מאנטגאמערי קאונטי וועט ניצן 50,000 דאלער צו אנטוויקלען אן אינזשינערונג באריכט פאר פארבעסערונגען צו איר סוער סיסטעם.
- די שטאט גלאווערסוויל אין פולטאן קאונטי וועט ניצן 50,000 דאלער צו פארענדיגן אן אינזשינערונג שטודיע פון דעם גלאווערסוויל סיניאָר צענטער.
- דער טאון מארשאל אין אניידע קאונטי וועט ניצן 500,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף אויף ביז 13 אייגנטימער-אקופירטע פראָפערטיס אויף א פארשפרייטע ארט באזיס.
- דער ווילעדזש אטסעגא אין אטסעגא קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צו איר טרונק-וואסער סיסטעם.
- אטסעגא קאונטי וועט ניצן 300,000 דאלער צו העלפן ספּרינגברוק ARC מיט סעקיוריטי אפגרעידס ביי דעם ARC רעזידענשעל סקול קאמפוס אין דעם טאון מילפארד.
- דער טאון ווערנא אין אניידע קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צום ווערנא וואסער דיסטריקט עקסטענשען נומער 3.

**נארט קאנטרי (4.6 מיליאן דאלער אויסגעטיילט)**

- דער טאון טשעסטערפיעלד אין עסעקס קאונטי וועט ניצן 250,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר פינף נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע היים אייגנטימער אינערהאלב דעם טאון.
- עסעקס קאונטי וועט ניצן 450,000 דאלער צוצוגעבן האוזינג רעהאביליטירונג הילף צו אומגעפער זעקס נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע אייגנטימער-אקופירטע שטובער וואס געפונען זיך אויף פארשפרייטע ערטער לענגאויס דער קאונטי.

- דער טאון הענדערסאן אין דזשעפערסאן קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צום סוּער דיסטריקט נומער 1.
- דער טאון הערמאן אין סט. לאורענס קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צום טאון וואסער דיסטריקט נומער 1.
- דער טאון דזשעי אין עסעקס קאונטי וועלן ניצן 298,000 דאלער פאר ADA צוטריט פארבעסערונג ביים טאון קאמיוניטי צענטער.
- דער טאון לואיס אין עסעקס קאונטי וועט ניצן 383,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר אומגעפער זעקס נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע היים אייגנטימער.
- דער טאון מוירע אין פרענקלין קאונטי וועט ניצן 500,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר ניין נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע היים אייגנטימער.
- דער טאון סקיילער פאָלס אין קלינטאן קאונטי וועט ניצן 250,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר פינף נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע היים אייגנטימער.

**סאוטערן טיער׳ (5.3 מיליאן דאלער אויסגעטיילט)**

- טשענאנגא קאונטי וועט ניצן 500,000 דאלער צוצוגעבן האוזינג רעהאביליטירונג צו 14 נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע איינציג-פאמיליע הויזגעזינדער.
- דער טאון דענבי אין טאמפקינס קאונטי וועט ניצן 500,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר ביז 14 נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע היים אייגנטימער.
- די שטאט הארנעל אין סטובען קאונטי וועט ניצן 50,000 דאלער אויסצופירן א וואסער אייגנטום פארוואלטונג פלאן, און 1,250,000 דאלער פאר פארבעסערונגען צו דער שטאט׳ס מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק.
- דער טאון לייסל אין ברום קאונטי וועט ניצן 275,000 דאלער צו פארזארגן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר ביז אכט נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע היים אייגנטימער, און 475,000 דאלער צו ערזעצן פינף אונטער-סטאנדארט מעניופעקטשור׳טע שטובער אקופירט דורך נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע אייגנטימער.
- דער טאון ניופילד אין טאמפקינס קאונטי וועט ניצן 298,000 דאלער צו העלפן 19 פריוואטע פראָפערטיס הויפטזעכליך אקופירט דורך נידעריגע-איינקונפט הויזגעזינדער צו ערזעצן זייערע סעפטיק טאנקן און זייט סופליי ליניעס.
- סטובען קאונטי וועט ניצן 198,000 צו העלפן ביז 13 נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע הויזגעזינדער צו ערזעצן פעלערדיגע סעפטיק סיסטעמען.
- דער ווילעדזש וואטקינס-גלען אין סקיילער קאונטי וועט ניצן 50,000 דאלער צו ענדיגן א מיסט-וואסער פלאנירונג שטודיע פאר איר ׳קלוט פארק פאמפ סטאנציע ערזעצונג׳ און קראפט מעין פארקירעווען.
- דער ווילעדזש וועיווערלי אין טיאגע קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צום ווילעדזש וואסער אויסטיילונג סיסטעם און 500,000 דאלער צו פארזארגן הילף צו 13 נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע היים אייגנטימער.

**מערב ניו יארק (6.1 מיליאן דאלער אויסגעטיילט)**

- דער טאון ענדאווער אין אלעגאני קאונטי וועט ניצן 500,000 דאלער צו העלפן ביז 13 נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע הויזגעזינדער מיט קריטיש-וויכטיגע האוזינג רעהאביליטירונג.
- די קאונטי קאטאראוגוס וועט ניצן 400,000 דאלער צוצושטעלן קוואל, סעפטיק, און זייט סופליי ליניע ערזעצונג היפש צו נידעריגע-איינקונפט היים אייגנטימער לענגאויס קאטאראוגוס קאונטי,

און 600,000 דאלער פאר׳ן ערזעצן ביז פיר עקזיסטירנדע, איינציג-ברייטקייט מעניופעקטשור׳טע הייזער מיט נייע ענערדזשי סטאר-געשאצטע איינציג-ברייטקייט מעניופעקטשור׳טע הייזער.

- דער ווילעדזש סעלעראן אין טשאטאקווא קאונטי וועט ניצן 500,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר נידעריגע איינקונפט היים אייגנטימער.
- דער טאון עלינגטאן אין טשאטאקווא קאונטי וועט ניצט 700,000 דאלער פאר א מעניופעקטשור׳טע האוזינג ערזעצונג פראגראם.
- דער טאון פרענדשיפ אין אלעגאני קאונטי וועט ניצן 50,000 דאלער צו פארענדיגן א ברייט-ארומנעמנדע וואסער סיסטעם פרעלימינארע אינזשינערונג באריכט.
- דער טאון אינדעפענדענס אין אלעגאני קאונטי וועט ניצן 400,000 דאלער צו העלפן ביז 11 נידעריג צי מיטלמעסיג-פארדינענדע הויזגעזינדער מיט קריטיש-וויכטיגע האוזינג געברויכן.
- דער ווילעדזש ליטל וואלי אין קאטאראוגוס קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צו איר טרונק-וואסער סיסטעם.
- דער ווילעדזש סילווער קריעק אין טשאטאקווא קאונטי וועט ניצן 500,000 דאלער צוצושטעלן האוזינג רעהאביליטירונג הילף פאר נידעריגע איינקונפט היים אייגנטימער.
- דער ווילעדזש סאוט דעיטאן אין קאטאראוגוס קאונטי וועט ניצן 1.25 מיליאן דאלער פאר פארבעסערונגען צום ווילעדזש׳ס סעניטערי סוער סיסטעם.

פאר מער אינפארמאציע אויף דעם ניו יארק סטעיט ׳קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאָק גרענט׳ פראגראם, באזוכט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ס׳ וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418